בס״ד

# פרד״ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע״י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת נח תשע״ט** **גליון 474 [שנה י׳]**

בְּדֹרֹתָיו: (ו ט) זאגט רש״י יש דורשין לגנאי וכו׳ פרעגן אלע אז עס שטייט דאך נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים, ווי קען מען דרשנען לגנאי? נאר באמת זיי האבן א ראיה פון פסוק וואס שטייט (ב א) כִּי אֹתְךָ רָאִיתִי צַדִּיק לְפָנַי בַּדּוֹר הַזֶּה: פארוואס שטייט בַּדּוֹר הַזֶּה און נישט כִּי אֹתְךָ רָאִיתִי צַדִּיק לְפָנַי? נאר איז א ראיה אז נח איז געווען א צדיק נאר אין יענע דור, איז א ראי׳ צו די יש דורשין לגנאי. (פענח רזא)

**נח איז געווען א גרויסער עניו**

אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו אֶת הָאֱלֹהִים הִתְהַלֶּךְ־נֹחַ: (ו ט) זאגט רש״י הִתְהַלֶּךְ נֹחַ: **ובאברהם הוא אומר** (יז א) הִתְהַלֵּךְ לְפָנַי, (כד מ) אֲשֶׁר הִתְהַלַּכְתִּי לְפָנָיו, **נח היה צריך סעד לתומכו, אבל אברהם היה מתחזק ומהלך בצדקו מאליו:** דאס מיינט אז נח איז נישט געווען גרויס און מען האט אים געדארפט אונטערהאלטן, איז שוועך ווייל ווייטער (ב א) שטייט כִּי אֹתְךָ רָאִיתִי צַדִּיק לְפָנַי בַּדּוֹר הַזֶּה: זעט מען אז נח איז יא געווען א צדיק, ממילא איז ער אזוי ווי אברהם וואס עס שטייט אֲשֶׁר הִתְהַלַּכְתִּי לְפָנָיו? אויך איז שוועך וואס מיינט בְּדֹרֹתָיו? קען מען זאגן אז באמת איז נח געווען א גרויסער צדיק אזוי ווי אברהם אבער נח איז געווען א גרויסע עניו האט ער געהאלטן אז ער איז נישט קיין צדיק, און אפילו מענטשן פון זיין דור האבן געזאגט אז ער איז א צדיק, האט ער נישט געגלויבט, אזוי ווי עס שטייט (מס׳ נדה דף ל ע״ב) **ואפילו כל העולם כולו אומרים לך ״צדיק אתה היה בעיניך כרשע״**, דאס מיינט בְּדֹרֹתָיו, אבער ער האט געהאלטן אז אֱלֹהִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ, ער איז נישט א צדיק און דער אויבערשטער האלט אים אונטער, איז שוין גוט יעצט, ווייל נח איז געווען א צדיק אבער אין זיינע אויגן איז ער נישט געווען א צדיק. לויט דעם איז גוט וואס עס שטייט אז די קינדער פון נח זענען געווען ווייניגער פון הונדערט יאר כדי זיי זאלן נישט זיין א בר עונשין. פרעגט מען אז נח איז געווען א צדיק און האט דאך געהאט גענוג זכותים פאר זיינע קינדער אפילו זיי זאלן זיין א בר עונשין? נאר ווי געזאגט פריערט אז נח האט זיך געהאלטן קליין אז ער איז נישט א צדיק און האט נישט גענוג זכותים דעריבער האט ער נאר געהאט דריי קינדער פאר די מבול. (אזור אליהו הורשובסקי אב״ד דרוהוביטש) מיט דעם מהלך קען מען שיין אייטייטשן די פסוקים וְנֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי ה׳: נח איז געווען א צדיק נאר אין די אויגן פון אויבערשטן אבער ער האט געהאלטן אז ער איז נישט קיין צדיק, דעריבער אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ, דעריבער האט ער נאר געהאט דריי קינדער פאר די מבול. ווייל נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו, מענטשן פון זיין דור האבן געזאגט אז ער איז א צדיק, אבער אֶת הָאֱלֹהִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ: לויט נח האט מען אים געדארפט אונטערהאלטן. (שמח זבולון תשע״ט)

**פארוואס לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל און נישט עו״ז וג״ע**

כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ חָמָס: (ו יג) זאגט רש״י **לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל:** וַתִּשָּׁחֵת הָאָרֶץ: זאגט רש״י **לשון ערוה ועבודה זרה**, קֵץ כָּל בָּשָׂר: **כל מקום שאתה מוצא זנות ועבודה זרה, אנדרלמוסיא באה לעולם והורגת טובים ורעים:** קומט אויס אז דער דור המבול האבן געזינדיגט אויף עריות, עבודה זרה און גזל, אויב אזוי פארוואס איז געווען דער גזר דין נאר וועגן גזל? נאר עס ווערט געברענגט פון חז״ל אז די ערד דעמאלטס איז געווען גאר פעטע ערד אז מען האט נישט געדארפט איינזייען נאר איינמאל אין פערציג יאר. קומט אויס אז עס איז געווען גאר גוטע יארן מיט פיל עסן, און מיר ווייסן אז צופיל זאטקייט ברענגט צו זינדיגן, אזוי ווי עס שטייט (דברים לב טו) וַיִּשְׁמַן יְשֻׁרוּן וַיִּבְעָט שָׁמַנְתָּ עָבִיתָ כָּשִׂיתָ וַיִּטֹּשׁ אֱלוֹהַ עָשָׂהוּ וַיְנַבֵּל צוּר יְשֻׁעָתוֹ, ממילא אז דער דור המבול האבן געזינדיגט מיט עריות און עו״ז וואלט מען זיי נאך געקענט דַן זיין לְכַף זְכוּת, אז די יארן פון זאטקייט האט זיי גורם געווען צו זינדיגן, אבער אויף גזל איז דא די שטארקע טענה, ווייל פונק פארקערט אז מען האט אלעס געהאט פארוואס דארף מען קומען צו גזל? דעריבער **לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל.**

מען קען אויך זאגן נאך א מהלך פארוואס **לא נחתם אלא על הגזל**. ווייל חז״ל זאגן **יש שלום בדור אז אפילו עובדים עו״ז אינו מעניש להם**, -ווי עס שטייט (הושע ד יז) חֲבוּר עֲצַבִּים אֶפְרָיִם הַנַּח לוֹ: חֲבוּר איז א לשון פון צוזאמען, אז אפילו עֲצַבִּים אֶפְרָיִם מען דינט עו״ז, הַנַּח לוֹ, מען וועט דיר מוחל זיין ע״כ–, ממילא אויב עס וואלט נישט געווען גזל וואלט געווען שלום אין דור און דער אויבערשטער איז מוחל אויף עריות און עו״ז, אבער צוליב גזל איז געווארן א שנאה צווישן זיך, דעריבער צוליב גזל איז נישט געווען שלום, האבן זיי אויך באקומען זייער עונש אויך אויף עריות און עו״ז. דאס מיינט **לא נחתם** גזר דינם פון עריות און עו״ז, **אלא על הגזל**, נאר וועגן זייער גזל. (צבי ישראל הגאון ר׳ ישראל קימילסקי תרנ״ז) **נאך** א תירוץ פארוואס **לא נחתם אלא על הגזל:** ווייל ווען מען גנבעט פון איינעם איז מען מטריח דעם אויבערשטן אז די חסרון זאל צוריקגיין צום בעלים, ממילא וועגן די טירחא איז געווען זייער עונש. (פענח רזא)

פרק יד] א ווינקל אין הלכה – בָּשָׂר בְּחָלָב:

**אז מען טרעפט ביצים אין א תרנגולת מעג מען דאס עסן מיט חָלָב** שטייט אין גמ׳ (ביצה דף ז ע״א) **השוחט את התרנגולת ומצא בה ביצים גמורות מותרות לאכלן בחָלָב**, אז מען טרעפט א איי אין א תרנגולת וואלט מען געמיינט אז עס איז א חלק פון די תרנגולת און עס איז בשר עוף וואס מדרבנן איז דאס אסור צו עסן מיט חָלָב, איז דער חידוש אז עס איז נישט בשר, ר׳ **יעקב אומר אם היו מעורות בגידין אסורות**, לויט ר׳ יעקב מעג מען נאר עסן אויב די איי איז נישט צוגעטשעפעט פון גידין פון בלוט, אבער אויב עס האט די שאלאכט׳ס מעג מען דאס עסן מיט חָלָב. די פוסקים געברענגט אין יו״ד סי׳ פ״ז, איז דא א מחלוקת וואס מיינט **ביצים גמורות**, איז דא 4 שיטות: 1] אפילו עס האט נאר די חֶלְמוֹן– די געלע חלק– הייסט גמורות. 2] דארף האבן די חֶלְמוֹן און חֶלְבּוֹן, 3] דארף האבן א דינע שאלאכט׳ס - קליפה דקה- 4] דארף האבן הארטע שאלאכט׳ס –קליפה קשה. למעשה דער ש״ך איז מחמיר אזוי ווי דער רמ״א אז די ביצה דארף הרבן די קליפה– הארטע שאלאכטס– ווייל אויב נישט הייסט דאס בשר עוף, אסאך פוסקים האלטן אבער אז פון די גמ׳ איז א ראיה אז אויב עס האט די געלעכל און די ווייסע חלק - חֶלְבּוֹן און חֶלְמוֹן- איז דאס נישט בשר ווייל די הלכה איז ווי די ת״ק וואס האלט ביצים גמורות מותר לאכלן בחָלָב און ר׳ יעקב האלט אם היו מעורות בגידין איז דאס אסור, און אויב גמורות פון די ת״ק איז נאר מיט די קליפה, וואלט ר׳ יעקב זיך נישט געקריגט אויף דעם. עס איז דא די שיטה פון תרומת הדשן אז אפילו עס האט די שאלאכטס איז אסור, אבער דער ש״ך זאגט אז דאס איז נאר א חומרא. דער שו״ע פסקענט אז אויב עס האט די חֶלְמוֹן און חֶלְבּוֹן – די געלע און ווייסע חלק– איז דאס מותר צו עסן מיט חָלָב. (שמח זבולון תשע״ט)

### מדור העובדות

## דער חוזה מלובלין האט זיך געבלאנדז'עט כדי זיך צו טרעפן מיט זיין אלטן מלמד

דער הייליגער חוזה מלובלין הרה"ק ר' יעקב יצחק הורוויץ זצוק"ל פלעגט אסאך ארומפארן מיט זיינע נאנטע תלמידים צו זיין מיט זיינע חסידים אויף שבת און פלעגט זיי שטארק דערהויבן. ער האט געהאט א געטרייער בעל עגלה וואס האט געוואוסט אז ווען ער קומט אן אין א פרשת דרכים און ער ווייסט נישט וועלכע וועג צו נעמען, האט ער געפרעגט דעם חוזה און דער רבי פלעגט אים זאגן וועלכע וועג מען נעמט. איינמאל א ערב שבת, לאזט זיך דער חוזה ארויס אויפן וועג מיט די תלמידים און מען קומט אן אין א פרשת דרכים און דער בעל עגלה דערקענט נישט דעם וועג און ער פרעגט דעם חוזה וועלכע וועג זאל ער נעמען און דער חוזה ענטפערט "איך וויים נישט!" די תלמידים און בעל עגלה האבן זיך געוואונדערט אז דער חוזה ווייסט נישט! דער חוזה האט געזאגט אז מען ווייסט נישט וועלכע וועג צו פארן זאל מען לאזן די פערד אליין פירן די וועג. דער בעל עגלה האט אזוי געטאן און די פערד זענען געגאנגען אליין ביז זיי זענען אנגעקומען אין א קליין שטעטל. דער חוזה האט געשיקט פרעגן וואו מען איז? און ווען מען האט אים געזאגט, האט ער געזאגט אז זיי וועלן שוין נישט קענען אנקומען צו זייער שטאט אויף שבת. בלייבט מען דא אויף שבת. און האט אנגעזאגט די חסידים נישט דערציילן ווער ער איז, און מען זאל קומען אין שול און זיצן אין מעריב זייט אזוי ווי אלע אורחים, און אזוי וועט מען האבן א פלאץ וואו צו עסן די שבתדיגע סעודות. זיי זענען געגאנגען צו א קרעטשמע און געדונגען א צימער ביז מוצאי שבת און זיי זענען געגאנגען אין שול.

נאכן דאווענען האט מען זיי געפרעגט צו זיי האבן וואו צו עסן און ווען זיי האבן געענטפערט ניין, האט מען זיי איינגעלאדענט צו א סעודה. דער חוזה האט לאנג געדאווענט און דער גאנצער עולם איז זיך צוגאנגען חוץ איין אלטער איד וואס האט געכאפט התפעלות פון די עבודה פון חוזה און האט געווארט ביז דער חוזה וועט ענדיגן זיין דאווענען. נאכן דאווענען פרעגט אים דער איד צו ער האט וואו צו עסן? האט דער רבי געענטפערט אז ניין. האט דער איד געפרעגט פארוואס גייט ער נישט צו זיין קרעטשמע און דארט עסן? האט דער חוזה געענטפערט אז די ווייב פון בעל הבית האט נישט געצונדן ליכט לכבוד שבת האב איך א שאלה אויף זייערע עסן! האט דער איד געזאגט איך וואלט דיר גענומען צו מיר אבער איך האב נאר וויין און חלה און נישט מער! האט דער חוזה געזאגט דאס איז גענוג פאר אים און דער איד זאגט אויב אזוי קען ער קומען צו אים.

זיי זענען אהיים געגאנגען צוזאמען און מען האט געמאכט קידוש און געמאכט לחם משנה און געגעסן חלה. נאכן עסן האט מען געשמועסט אין תורה און דער עלטערער איד האט זיך מחיה געווען. דער איד האט געפרעגט פון וואו קומט א איד? האט דער חוזה געענטפערט "פון לובלין" פרעגט אים דער איד צו ער זעט אמאל דעם חוזה מלובלין האט דער רבי געענטפערט ער זעט אים אלעמאל! פרעגט אים דער חוזה פארוואס פרעגט ער פון חוזה? האט ער געענטפערט אז ער איז געווען זיין מלמד אלץ קינד.

האט דער חוזה געבעטן פארן איד ער זאל דערציילן וועגן דעם חוזה אלץ קינד. האט דער איד געזאגט ער איז געווען זייער א אינטרעסאנטער אינגל און איז געווען שטענדיג פארטראכט. ווען מען האט געדארפט דאווענען איז ער שטענדיג פארשוואונדן געווארן און ווען ער איז צוריק געקומען האב איך אים אלץ געפרעגט וואו ער איז געווען? און ער האט מיר נישט געזאגט, און ער פלעגט באקומען א שטראף פאר דעם. איך האב נישט געקענט פארשטיין דעם אינגל וואס האט נישט מורא פון באקומען א שטראף, און איך האב מחליט געווען אז איך וועל דערגיין און זען וואו דער אינגל ווערט נעלם. אין א טאג האט איך געזאגט פאר די קינדער צו דאווענען און איך זעה ווי דער אינגל גייט ארויס שטילערהייט פון צימער און איך בין אים נאך געגאנגען, איך בין געווען פון דערווייטענס אז ער זאל מיר נישט באמערקן, און איך האב געזען אז ער גייט אריין אין וואלד, און איך גיי אים נאך שטילערהייט ביז איך זעע אז ער שטעלט זיך אוועק לעבן א בוים און דארטן איז דא א גרויסער בינענשטאק און די בינען בייסן אים אין זיין גוף און ער שרייט נישט פון די שטעך נאר אדרבה ער איז אלעם מקבל באהבה. און נאך א שטיק צייט הויבט ער אן צו שרייען שמע ישראל מיט אזא השתפכות הנפש און מסירת נפש אז איך האב שוין געזען אז דאס איז נישט קיין פשוטער אינגל. איך בין שנעל צוריק געלאפן אין חדר און ווען דער אינגל איז צוריקגעקומען האב איך אים שוין גארנישט געפרעגט, ווייל איך האב שוין אלעם געזען! און אזוי האט ער געטאן יעדן טאג.

שפעטער האב איך געהערט אז דער חוזה איז געווארן א גרויסער רבי און פראוועט וואונדערליכע זאכן און איך האב איהם געוואלט זען אבער עס איז נישט אויסגעקומען. יעצט אויפן עלטער האב איך געטראכט אז ווער ווייסט צו איך וועל אים אמאל נאך קענען זען און איך האב יעצט נישט די כח און געלט צו פארן קיין לובלין! האב איך מקבל געווען צו פאסטן איינמאל א וואך און שטארק מתפלל זיין אז איך זאל זוכה זיין אים צו זען!

נאכן דערציילן די גאנצע געשיכטע הערשט א שטילקייט אין צימער, ווען דער חוזה רופט זיך אן אין א שטילע שטימע: "דער אויבערשטער האט צוגעהערט דיינע תפילות ווייל איך בין דער חוזה פון לובלין!" ווען דער איד האט יעצט דערקענט אז דאס איז דער חוזה האט ער געחלש'ט. מען האט געדארפט שווער ארבעטן אים צו דערמינטערן און ווען ער האט זיך צוריק געכאפט האט ער געגעבן א שבח און הודאה פארן אויבערשטן וואס האט אים צוגעשיקט דעם חוזה ביי אים אין שטוב. די אהבה פוןביידן האט זיך געצויגן, און זיי האבן גערעדט אין לערנען ביז שפעט אין די נאכט. דער חוזה האט געבעטן דעם איד ער זאל נישט דערציילן אין שטאט ווער ער איז. דער איד האט אויך געבעטן דעם חוזה ער זאל קומען אויך צו די שבת'דיגע סעודה ביי טאג און האט מסכים געווען. מוצאי שבת האט דער חוזה געוואלט גיין אין א נאנטע שטעטל צו פראווען מלוה מלכה מיט זיינע חסידים און האט זיך געזעגנט פון זיין אלטן מלמד און דער מלמד האט אים איינגעבעטן אז ער וויל אים אביסל באגלייטן און האט איינגעשטימט.

נאך די סעודת מלוה מלכה רופט זיך אן דער חוזה צו זיינע תלמידים מען פארט צוריק צום שטעטל וואס מיר האבן געפראוועט שבת ווייל מיין אלטער מלמד איז געשטארבן און איך וויל אים מספיד זיין לכבודו. און דער חוזה האט אפגעגעבן דעם לעצטן כבוד פאר זיין מלמד. דער חוזה האט געזאגט פאר זיינע תלמידים אז יעצט פארשטייט ער שוין פארוואס ער האט נישט געוואוסט וועלכע וועג צו גיין ערב שבת, ווייל דער אויבערשטער האט געפירט אז מיר זאלן זיין דא שבת, אלעם איז געווען בהשגחה פרטית וועגן די תפילות און פאסטן פון זיין אלטן מלמד וואס האט זייער געוואלט זיך טרעפן מיט זיין אלטן תלמיד. רצון יראיו יעשה!

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

מגן אברהם פון טריסק מיט דעם ברכה און א זעלטענע שיינע מצב מיט גוטע פאפיר, ערשטער דרוק שושנת העמקים פון טשערקאס און הארניסטייפל ספר זוהר הרקיע באלאנגט צו ר' ישעי' מקערעסטיר, ספר יסוד יוסף באלאנגט צו ר' שלום אליעזר מראצפארט, תפילין וואס זענען מיוחס צום קדושת לוי מבארדיטשוב, פרשיות של ראש מיוחס לאדמו"ר רחמאסטריווקא, גמ' נדה און סדר טהרות מיטן חתימה פון ר' אליעזר פאפו דער פלא יועץ, חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א שו"ת חת"ם סופר ב' כרכים עם חתימות הצדיקים ממעליץ קראקא ר' יעקב הורוביץ ור' אלעזר הורוביץ ספר עם חתימת הרה"ק ר' אביש מקראלא עם קמיע ספר שייך להגאון ר' אברהם פאם ספר טל חיים ליסקא שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ם זצוק"ל, בריוו פון סקולענער רבי זצוק"ל בריוו געשריבן און געחתמ'ט פון הגה"ק מפאפא און פון צעהלים, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין, ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Winter Hours are 11:15-7:15 Fri till 1:00, www.seforimworld.com**